Ghetto Fighters' House

נכנסות 71

מגטו לגטו – בעיר המחוז ובאושביץ.

ספורה של ברוניה-בלה חזן.

פריז, יוני 1945, בכניסה למשרדי "החלוץ", באווניו דה לה גרנד ארמיי 83 אני רואה פנים מוכרים:

- חברה, מהיכן?
- אני מגרודנה.
- אולי ידוע לך גורלן של ברוניה לימנובסקי או לניה קזיברדבקה ?
- אני ברוניה!

וברוניה מתיישבת ומספרת לי , ואז גם זיהיתי אותה, בדבר שליחויותיה לגטאות בוילנה, גרודנה וביאליסטוק, בדבר מעצרה, בדבר גורלה המר של לניה, בדבר חייהן באושביץ.

אני רושמת את דבריה:

--- בשבועות הראשונים בגטו, בישיבה של מועצת החלוץ עם מרדכי טננבוים הוחלט שהיא תצא לגטו גרודנה לראות מה קורה שם. היא יצאה לגטו גרודנה ועבדה שם כמתרגמת. בגרודנה היא פגשה את החברים ברבר ובלקה והתייעצה אתם בדבר קבלת חברים מוילנה בגטו גרודנה.

אידה בורקוב, חברה בקבוץ הוילנאי של "החלוץ", עוזרת לה לייסד קבוצה בת 56 חברים של "החלוץ" בגטו גרודנה. הם מנהלים את פעילותם הבלתי לגאלית בספריה של היודנראט. הם מנהלים שיחות אידיאולוגיות ומקבלים שעורי עברית. נוסד שם סניף של "החלוץ הצעיר".

הקבוצה של פועלי ציון – התאחדות בגרודנה, מנוהלת על ידי דר' בלקה ומונה 28 חברים פעילים. הישיבות מתקיימות בחדרי היודנראט.

ברוניה עובדת ב"הערעס- בויאמט" כנוצריה. פעם אחת נכנסו גרמנים לאספה של פועלי ציון – התאחדות, בעת שחיפשו זהב. תפשו אותה ואסרו אותה: איך זה נוצריה בגטו? על זה ענתה שהיא מרפאה את שיניה אצל רופא שיניים יהודי בגטו. היא מודיעה במקום עבודתה שאחיה מת בוילנה והיא חייבת לנסוע להלויה. היא מקבלת תעודת מסע וחוזרת לוילנה עם ידיעות מגטו גרודנה.

על פי תעודת המסע שלה הכינו תעודות מסע מזויפות נוספות בשביל אחרים. את מלאכת החותמות עשו מרסיק ומרדכי טננבוים.

היא חוזרת לגרודנה עם סרט שחור על זרועה אחרי ה"הלויה" של אחיה. בגרודנה, במשרד גרמני, היא פוגשת אחת המבקשת תעודת מעבר לגטו. זאת היא ליאנה קזיברדסקי, (אחותו של דוד קזיברדסקי, חבר לשעבר במרכז החלוץ בורשה). היא באה מורשה כפולניה עם ניירות על שם קריסה קומובסקה, בשליחות "החלוץ" שם.

מגרודנה נסעו שתיהן לוילנה. ברוניה חכתה מחוץ לגטו ולניה נכנסה פנימה לקיים התייעצות עם חברים של "החלוץ" ולמסור דרישות שלום. אז זויפו ארבע תעודות מסע בשביל ארבע חברות מ"החלוץ" וברוניה לוקחת אותם, בתוך תחבושת על ידה, לביאליסטוק.

לניה נוסעת לורשה למסור דרישות שלום מגטאות גרודנה ווילנה. ברוניה נוסעת חזרה לגרודנה, משם היא נוסעת עם קבוצת חלוצים לביאליסטוק, מקום בו נוסד קבוץ וסמינר המנוהל על ידי פרומה פלטניצקי, צבי מרסיק ומרדכי טטנבוים אשר הגיעו גם הם מוילנה לביאליסטוק.

קבוץ "החלוץ" בביאליסטוק מנה 86 חברים מוילנה, גרודנה, סלונים וביאליסטוק. הקבוץ מקבל מהיודנראט שטח של כ-30 דונם אדמה ומנהל שם הכשרה רגילה של קבוץ בעבודת האדמה בתנאי מגורים משותפים.

בביאליסטוק הייתה קבוצה של השומר הצעיר, שם היו פעילים החברה טסיה וחיים מההנהגה הראשית בורשה. המגעים התנהלו על ידי מרדכי טננבוים ומרסיק. מצד פועלי ציון-התאחדות היה פעיל החבר כמלניק.

אחרי תום סמינר "החלוץ" בביאליסטוק נשלחה לניה בשליחות לורשה, ונעלמה. בישיבת מועצת הקבוץ הוחלט שברוניה תצא לחפשה.

Ghetto Fighters' House

ב-12 ביוני מגיעה ברוניה, עם מסמכים מזויפים, למלקיני, בדרכה לורשה, ונעצרת על ידי הגסטאפו. בחקירה שאלו אותה אם היא מכירה את קריסיה קוסובסקה, אצלה מצאו תמונה שלה. ברוניה אומרת שהיא נתנה את התמונה ללניה, כגמול על טובה שהאחרונה עשתה לה. ברוניה עצמה בקושי הצליחה להשמיד עתון קיר של "החלוץ" בביאליסטוק אותו הסתירה בשערותיה. ברוניה הובאה לורשה, לשד' שוכא, שם הייתה לניה עצורה בחשד לריגול, כפולניה.
משד' שוכא הועברה ברוניה ל"פאוויק" (בית כלא בורשה).
בפאוויק פגשה ברוניה את קריסיה ללא שערות ראשה. הן היו בתא אחד אשר חלונו יצא לרחוב גנסיה 14 (מועדון לשעבר של ארגוני העובדים בורשה). לניה נהגה לומר:

- יש לי הרגשה שמישהו מביט בנו מגנסיה 14 ...

ברוניה עבדה במכבסה של האס. אס. בכלא ולניה בקילוף תפוחי אדמה. שתיהן נחשבו לפולניות בגלל המסמכים המזויפים שברשותן.
בבית הכלא היה תא יהודי, שם היו כולאים יהודים בגלל חטאים פוליטיים. ביניהם הייתה חלוצה בשם שושנה גושענדא אשר נתפסה על ידי הגסטאפו ועתון מחתרת של "החלוץ" ברשותה.
בכלא היו מעירים את היהודים בלילות ובהיותם ערומים משסים בהם כלבים פראיים. באחד המקרים ננשכה שושנה ברגלה. צופסקה הנקה, קומוניסטית פולניה, חבשה אותה. לניה הביאה לה בהחבא גזר וסלק מהמטבח. ברוניה כבסה את בגדיה.
אחרי כחודשיים הוצאו כל היהודים מתאם ושוב לא ראו אותם. במקומם באו יהודים אחרים. ב-12 בנובמבר 1942 נשלחו ברוניה ולניה, במשלוח של 56 אסירים פוליטיים, לאושביץ. שתיהן היו שם כנוצריות ושתיהן עבדו בעבודות השדה.
אחרי שלושה שבועות שתיהן חלו בטיפוס. ברוניה החלימה מהר ונשארה ברוויר כפקידה. מחלתה של לניה נמשכה ששה שבועות והיא עזבה את הרוויר, חלשה מאד וברגליים נפוחות הלכה לעבודה. אחרי זמן היא חזרה לרוויר עם 40 חום, חולת דיזנטריה, אשר החלישה עוד יותר.
לניה הרגישה שמותה קרב. לפני מותה היא קראה לברוניה ולחברות האחרות ואמרה: " אני את החוט מהפקעת שוב לא אמשוך יותר. משכו אתם את הסוף, השארו אמיצים, הסתכלו גלוי בפנים ואל תבגדו, שלום". כך היא מתה בשקט. ( פברואר 1943).
בפסח 1943 התקיימה בצריף באושביץ האספה הראשונה של "החלוץ". החלוצים עשו על יד הגדר במחנה "ב" חפירה. פעם אחת, בלילה, כאשר הגיע משלוח נשים יהודיות מטרזינשטאט ומלודז', הצליחו החלוצים, בעזרת החשכה, להכניס למחנה 14 נערות. הנערות נשארו שם מוסתרות ומבלי שנרשמו. בזמן המפקדים היו מתחבאות. החלוצים חסכו אוכל ממנותיהם נתנו להן.
במחנה הגברים באושביץ היה פעיל חלוץ בשם מנחם גרבובסקי. יותר מאוחר הוא מת מטיפוס בהרות. היו לו מגעים עם הפרטיזנים, היו שחד אנשי אס. אס. והוציא מספר קבוצות של אסירים יהודים ליער. הוא חזר למחנה והנהיג קבוצה של חלוצים ושומרים.
ב-18 בינואר 1945, כאשר הרוסים התקרבו לאושביץ, פינו את היהודים לברגן – בלזן ואת הארים לבוכנבלד. מבוכנבלד העבירו את ברוניה, כארית, יחד עם הרוויר, ללייפציג. שם היא שוחררה על ידי האמריקאים.

Ghetto Fighters' House

## שליחי מחתרת אשר נפלו על משמרתם.

### פרומה פלטניצקה.

פרומה פלטניצקה הייתה אחת מנושאות הדגל החלוצית של המחתרת בפולין.
המסירות ללא גבול לרעיון, הנאמנות לתנועה, האהבה לחברים, היוזמה ומרץ, הפכו אותה לאחת הדמויות הראשיות של התנועה תחת הכיבוש הנאצי.
נולדה בפינסק בכו אלול תרע"ד, 11 באוגוסט 1914 במשפחה חסידית. כבר בגיל צעיר נכנסה לתנועת "פרייהייט", תנועת הנוער של פועלי ציון צ.ס.
בשנת 1935 היא נכנסה לקבוץ "תל-חי" בביאליסטוק. היא נעשית פעילה בחלוץ בפולין ומבקרת בשליחות התנועה בסניפיה.
כאשר התקרב זמנה לעלות, פרצה המלחמה.
כאילו בהרגשה מוקדמת לגורלה היא כותבת מכתב בתאריך 6.3.1939, במילים אלה: "נדמה לי שיש לנו שקט לפני הסערה, ואם הסערה תגיע , לא יישאר ממני זכר".
עם פרוץ המלחמה היא הופכת לשליחה מרכזית ומקשרת של מרכז החלוץ בורשה.
בסכנות הכי גדולות חרשה את פולין לאורכה ולרוחבה והביאה דברה של א"י, ידיעות מהנעשה בגטאות השונים וקשרה בין סניפי התנועה.
היא העבירה עשרות מכתבים מפולין, תחת משטר הכיבוש הנאצי, לארצות ניטרליות ומשם לארץ-ישראל, בשפת רמזים, ממנה למד הציבור היהודי על האקציות ההמוניות ועל השמדת היהדות.
בתחילת 1942 היא מגיעה לוילנה מגטו ורשה למסור דרישת שלום חיה מהגטו ולקשור קשרים עם המחתרת הפולנית בוילנה.
משם נסעה לביאליסטוק, שם היא מנהלת את הסמינר, בן ששה שבועות, יחד עם מרדכי טננבוים וצבי מרסיק ברח' וואנסקא 13.
אחרי זה נסעה לרוסיה הלבנה, וואלין, צ'נסטחוב.
מצ'נסטחוב כתבה מכתב ב-5 ביולי 1942, בו היא מדווחת על נסיעתה לוילנה וביאליסטוק. במכתבה היא כותבת, בין השאר:

- במשך מספר חודשים בקרתי את משפחתי בוילנה. מצבה טוב. דרישת שלום מיוחדת מ"השמדה גמורה" היא מרגישה טוב מאד......"

בישיבה ביום 28 ביולי 1942 בורשה, בתנועת החלוץ, בו הוחלט על הקמת תנועת ההתנגדות, נקבעה כנציגה בצד הארי, יחד עם טסיה אלטמן, לאה פרלשטיין ואריה ווילנר
בדצמבר 1942 מגיעה פרומה פלטניצקי לבנדין בשליחות החלוץ ועומדת במרכז תנועת ההתנגדות שם.
היא זוכה לכינוי "האמא של גטו בנדין".
מגיע בשבילה מכתב מורשה: ישנה אפשרות להינצל בעזרת מסמכים מארצות נייטרליות, אך היא מחליטה להישאר לא להינצל בעוד אחיה מושמדים.
אביב 1943. לבנדין מגיעות ידיעות בדבר המרד בגטו ורשה וביניהם, על השמדתה של אחותה, חנה. היא כותבת על כך במכתב לחוץ לארץ: "מסור לו שאחותי הקטנה, חנה, התחתנה עם רופין. (רופין – עסקן ציוני ידוע שנפטר).
ב-17 ליולי 1943 מבקר אותה שליח לא יהודי מארץ נייטרלית ומציע לה לעזוב את בנדין לבוא אתו, היא מסרבת.
באותו יום שלחה את מכתבה האחרון, מוכתב באידיש וכתוב גרמנית בידי מרכוס פוהורילה (צעיר מגרמניה, חי בבנדין), שם היא מתארת את ההשמדה בליטא ובפולין ופרטים על המרד בורשה. המכתב חתום על פרומה פלטניצקי, הרשל שפרינגר, צבי ברנדס, ישראל קאזשוך, שלמה לרנר (חברים מנהיגים את החלוץ בבנדין) והיא מסיימת במילים אלה: "עשו כמיטב יכולתכם, אני בספק אם תספיקו לעזור לנו, כי אלה ימינו האחרונים. תקוותנו לראות את המולדת , לצערנו לא תתגשם".
ב-3 באוגוסט היא נפלה עם נשק ביד בהגנתה על הבונקר שם נמצאו חברי הקבוץ מבנדין.
(ביום הזיכרון השני למרד גטו ורשה, קבלה אות כבוד גבוה על ידי ממשלת פולין).

בית לוחמי הגיטאות
ע"ש יצחק קצנלסון
למורשת השואה והמרד
ארכיון
מס' 11 מדור מס'

קבוצ'עסקא צו געטא – אין פאוויאק און אושוויץ

(דערציילונג פון בראניא – בעללא ה ז ן)

פאריז, יוני 1945. אריינגייענדיק אין לשכה פון " החלוץ" אויף 83 אווענו דע לא גראנד ארמע, געפין איך עפעס א באקאנטן פנים: חבר'טע פון ווארשע ?
– איך בין פון גראדנע.
– אפשר איז אייך באקאנט, וואס איז געווארן מיט בראנקע לימאנאווסקא און לאניא קאזיבראדבקא ?
– איך בין בראניע!

און בראניע זעצט זיך און דערציילט מיר וועגן אירע שליחות'ן צו די געטאס אין ווילנע, בראדנע און ביאלעסטאק, וועגן איר ארעסט אין פאוויאק, וועגן טראגישן גורל פון לאניען, וועגן זייער לעבן אין אושוויץ.
איך גיב איבער איר געשפרעך:

---

– – אין די ערשטע וואכן פון געטא האבן אויף א זיצונג פון מועצת החלוץ מרדכי טענענבוים-טאמאראוו און מערדיק באשלאסן, אז זי זאל ארויספארן אין געטא גראדנע צו זעהן, וואס עס קומט דארטן פאר. איז אנגעקומען קיין גראדנע און געארבעט דארטן אלס א דאלמעטשערין. אין גראדנע האט זי געטראפן די חברים בראדווער און בעלקא און געהאט מיט זיי א באראטונג וועגן אויפנעמען אין גראדנער געטא חברים פון ווילנע.

אי ד א ב ו ר א ק א ד ו, א חברטע פון ווילנער קיבוץ פון החלוץ, העלפט איר אויפשטעלן אין גראדנע א החלוץ-גרופע פון א 56 חברים. זיי פירן אן אומלעגאלע ארבעט אין ביבליאטעק פון יידן-ראט. זיי ארדענען איין אידעאלאגישע שמועסן און העברעאישע קורסן. עס ווערט דארט בעגרינדעט א סניף פון החלוץ הצעיר.
די גרופע פון פועלי ציון – התאחדות אין גראדנע ווערט אנגעפירט דורך דר' בעלקא און ציילט 28 אקטיוויסטן. די זיצונגען קומען פאר אין א צימער פון יידן-ראט.
בראניע ארבעט אין " הערעס-בויאמט" אויף פאפירן פון אן אריערין. איין מאל אויף א פארזאמלונג פון פועלי-ציון-התאחדות זיינען ארײַן די דייטשן אין געטא זוכן גאלד. זי ווערט געכאפט און איינגעשפארט: ווי קומט עס א קריסטין אין געטא? אויף דעם איז געווען איר ענטפער: די היילט זיך די ציינער ביי א יידישן דענטיסט אין געטא. זי מעלדעט אין הערעס-בויאמט, אז איר ברודער איז געשטארבן אין ווילנע און אז זי מוז פארן צו דער לויה. זי באקומט א רייזע-שיין און פארט אין געטא ווילנע מיט ידיעות פון גראדנער געטא.

... אין ווילנער געטא פאלשע פאסיר-שיינען פאר אנדערע. די שטעמפלען ארבעטן אויס מערדיק און מרדכי טענענבוים.

זי קערט זיך צוריק קיין גראדנע מיט א שווארצן באנד אויפן ארעם נאך דער " לויה" פון איר ברודער. אין גראדנע אין א דייטשן אמט טרעפט זי א קריסטין, וועלכע בעט א פאסירשיין אויף אריינצוגיין אין געטא. דאס איז לאניא קאזיבראדסקא (שוועסטער פון דוד קאזיבראדסקי, געוועזענעם חבר פון מרכז החלוץ אין ווארשע). זי איז בעקומען פון ווארשע אלס פוילישע מיט פאפירן אויפן נאמען פון קריסא קאמאווסקא, אין שליחות פון ווארשעווער החלוץ.

פון בראדנע זיינען זיי ביידע געפארן קיין ווילנע. באניע האט געגאנגען אונטערגעבן געטא. לאניע איז ארײַן אין געטא, אפהאלטן א באראטונג מיט די חברים פון החלוץ, פ"צ התאחדות, אפג... גרופן פון גראדנע.

Ghetto Fighters' House



בעסא, דאן זיינען בעמאכט געווארן פאר 4 חברות פון הח[illegible] אריסע פאפירן און בראניע פירט זיי אוועק [illegible]רטע, אלס קראנקע קיין ביאליסטאק.

לאניע פארט אוועק קיין ווארשע איבערגעבן דארט גרוסן פון די בעטאס פון גראדנע און ווילנע. בראניע פארט צוריק קיין גראדנע, פון דארטן פארט זי מיט א גרופע חלוצים קיין ביאליסטאק, וואו עס ווערט בעגרינדעט א קיבוץ מיט א סעמינאר, וועלכע ווערן רנגעפירט פון פרומקע פלאטניצקע, צבי מערסיק און מרדכי טענענבוים-טאמארוו, וועלכע זיינען אנגעקומען גלייכצייטיק פון [illegible] קיין ביאליסטאק.

דער קיבוץ פון החלוץ אין ביאליסטאק האט געציילט 86 חברים פון ווילנע גראדנע, סלאנים און ביאליסטאק. דער קיבוץ באקומט פון ביאליסטאקער יידנראט 8-9 מארג ערד און זיי פירן דארט דורך א נארמאלע הכשרה אויף ערד-ארבעט, און וואוינען אלע צוזאמען אין קיבוץ.

אין ביאליסטאק איז בעווען א גרופע פון השומר הצעיר, וואו עס האט גע[illegible] בעארבעט אקטיוו די חברה טאסיע און [illegible] פון הנהגה הראשית אין ווארשע. דער קאנטאקט צווישן החלוץ און פועלי ציון-התאחדות אין ביאליסטאק פירן מרדכי טענענבוים און מערסיק. אין פ.צ.-התאחדות איז אקטיוו דער חבר כמעלניק.

נאכן פארענדיקן דעם סעמינאר פון החלוץ אין ביאליסטאק איז ליאניע ארויסגעשיקט געווארן מיט שליחות קיין ווארשע, [illegible] זי איז פארשוואונדן געווארן. אויף א זיצונג פון מועצת הקיבוץ אין ביאליסטאק איז באשלאסן געווארן, אז בראניע זאל ארויספארן זוכן ליאניען.

דעם 12 יאנ׳ 1942 קומט בראניע מיט א פאלשן פאסיר-שיין קיין מאלקיני אויפן וועג צו ווארשע. זי ווערט דארט פארהאלטן דורך דער געסטאפא. אויפן פארהער האט מען איר געפרעגט צו זי קען קריסיא קאסאווסקא, ביי וועמען מען האט געפונען אירע פאטאגראפיע. בראניע זאגט אז לאניע האט באקומען פון איר די פאטאגראפיע, אלס א דאנק פאר א לעבנס-טובה. בראניע האט קוים באוויזן צו פארניכטן א וואנט-צייטונג פון ביאלאסטאקער החלוץ, וועלכן די ה האט געהאט ביי איר אין די האר. בראניע איז געבראכט געווארן קיין ווארשע אויף אלעא שוכא. דארט איז זי גענומען געווארן אויף א פארהער וועגן קריסא קאסאווסקא, וועלכע איז געווען פארהאלטן ארנטער פארדאכט פאר שפיאנאזש אלס א פוילישע.

פון אלעא שוכא איז בראניע געבראכט געווארן קיין פאוויאק (תפיסה אין ווארשע).

אין פאוויאק האט בראניע געטראפן קריסיא מיט אפגעשארענע האר. זיי זיינען צוזאמען געווען אין איין צעל, וועמענס פענסטער עס זיינען ארויסגעגאנגען אויף גענסיא 14 (געוועזענער לאקאל פון די ארגאניזאציעס פון ארבעטנדעם א"י און ווארשע). לאניא פלעגט זאגן: – איך האב דעם איינדרוק אז מען קוקט אויף אונזער [illegible] בענסיא 14.

בראניע האט געארבעט אין וועשעריי פון ס.ס. אין פאוויאק, און ליאניע אין שיילעכץ פון קארטאפל. זיי זיינען ביידע ארויסגעפאלן אלס פוילישע צוליב די זעלבע געפעלשטע פאפירן.

אין פאוויאק איז געווען א יידן צעלע. דארטן זיינען געווען פארהאלטן יידן צוליב פאליטישע חטאים, צווישן זיי איז געווען א חלוצה ש ו ש נ ה ג ז ש ע נ ד א, וועלכע איז געכאפט געווארן דורכן געסטאפא מיט אן אונטערערדישע חלוצישע צייטונג.

אין פאוויאק פלעגט מען די יידן ביינאכט ארויספירן באקעטשטעהייט און זיי דערשיסן מיט ווילדע הינט. בשעת אזא דערשיסונגס אקציע האט א הונט צעביסן שושנה גזשענדעס פיס. צופעסקא האזא, א פוילישע קאמוניסטין האט איר געמאכט א פארבאנד. ליאניא פלעגט איר ברענגען געגנבעטערהייט

Ghetto Fighters' House



פמערן און ריבן פון קיך.בראניע האט פאר איר געוואשן וועש.

אין צויי מאנאטן ארום זיינען אלע יידן פון דער יידן-צעלע ארויסגעשיקט געווארן פון פאוויאק.מער האט מען זיי ניט געזען.דאן זיינען אויף זייער ארט אנגעקומען אנדערע יידן.

דעם 12 נאוועמבער 1942 זיינען ליאניע און בראניע ארויסגעשיקט געווארן מיט א טראנספארט פון 56 פאלישע ארעסטירטע קריסטין קיין אוישוויץ.ביידע האבן דארטן געארבעט אלס פיי פעלדארבעט אלס קריסטינס.

נאך דריי וואכן זיין אין אוישוויץ זיינען זיי ביידע קראנק געווארן מיט פלעק-טיפוס.בראניע איז גיך געזונט געווארן און געבליבן ארבעטן אין רעוויר אלס רעוויר-שרייבערין.ליאניעס קראנקייט האט געדויערט 6 וואכן און זי האט פארלאזן דעם רעוויר שוואך,מיט געשוואלענע פיס און אזוי געגאנגען צו דער ארבעט.שפעטער האט זי זיך צוריקגעקערט אין רעוויר מיט 40 גראד היץ מיט א דיזענטעריע,וועלכע האט איר זייער אפגעשוואכט.

ליאניע האט געשפירט אז איר טויט איז נאנט.פארן טויט האט זי צוגערופן בראניע און די איבעריקע חברות און געזאגט:

„איך וועל דעם פאדים פון קנויל ווייטער ניט פערציען.דערציילט איר צום ענדע,,בלייבט מוטיק,קוקט אפן אין פנים און פראגט זיך ניט,שלום.
און זי איז שטיל געשטארבן.״( פעברואר 1943)

אין 1943 פסח איז פארגעקומען אין האלץ־באראק פון אוישוויץ די ערשטע פארזאמלונג פון החלוץ.די חלוצים האבן געמאכט ביים לאגער צוים פון לאגער ב״א ארגאניזאציע.און איינמאל ביי נאכט ווען עס איז אנגעקומען צום קרעמאטאריום א טראנספארט פון פרויען פון מקרעזיעגשטאט און לאדז, איז זיי געלונגען אריינצוברענגען פון טראנספארט אין דער פינסטערניש פון דער נאכט,14 מיידלעך אין לאגער אריין.זיי זיינען דארטן די גאנצע צייט געווען אלס באהאלטענע,ניט פארצייכנטע. זיי פלעגן זיך באהאלטן בשעת די אפעלן.די חלוצים פלעגן זיי געבן עסן פון די אפגעשפארטע פון זייערע ראציאנען.

אין מענער לאגער פון אוישוויץ איז געווען טעטיק א חלוץ מנחם גראבאווסקי.ער איז שפעטער געשטארבן פון פלעק טיפוס.ער האט געהאט קאנטאקט מיט די פארטיזאנער,האט אונטערגעקויפט די ס.ס. און האט ארויסגעפירט איינצלנע גרופעס פון יידישע העפטלינגע אין וואלד,און איז ווידער צוריקגעקומען אין לאגער ~~און איז צוריק געקומען אין לאגער~~ און האט אנגעפירט א גרופע פון הלוצים און שומרים.

דעם 18 יאנואר 1945.ווען די רוסן האבן זיך דערנענטערט צו אוישוויץ האט מען עוואקואירט די יידן קיין בערגען-בעלזען און די אריער קיין בוכנוואלד.פון בוכנוואלד האט בראניע אלס אן אריערין צוזאמען מיטן רעוויר געפארן קיין לייפציק.דארט איז אנגעקומען די אמעריקאנער אפענסיווע און די באפרייאונג.

x x x

Ghetto Fighters' House



שליחים פון אונטערערד בעפאלן אויף דער וואך

בית לוחמי הגיטאות
ע"ש יצחק קצנלסון
לתורשת השואה והמרד
ארכיון
מס' 72 מחזור מס'

עולי יוון
שנת שלום

פרומקע פלאטניצקא

פרומקע פלאטניצקא איז געווען איינע פון די הויפטטרעגערינס פון חלוציש̈ן וואָרט אין אונטערערדישן פוילן.
איר גרעניצלאָזע מסירת נפש פאר דער אידייע, איר טרייהייט צו דער באוועגונג, איר ליבע צו די חברים, איר איניציאטיוו און ענערגיע, האבן איר פארוואנדלט אין איינע פון די צענטראלע פיגורן פון דער חלוצישער באוועגונג אונטערן נאצי-רעזשים.

געבוירן איז פלאטניצקא לעבן פינסק ממם כד אלול תרע'ד, 11 נאוועמ בער 1914 אין א חסידישער משפחה. נאך גאר יונג איז זי אריינגעטראטן אין „פרייהייט", דער יוגנט באוועגונג פון פועלי ציון צ.ס.

אין יאר 1935 איז זי אוועק אין קיבוץ „חל-חי" אין ביאליסטאק.
זי ווערט דאן אקטיוו אין דער החלוץ באוועגונג אין פוילן און באזוכט בשליחות פון דער באוועגונג קיבוצים און סניפים פון החלוץ.

ווען ס'האט זיך דערנענטערט איר צייט עולה זיין- איז אויסגעבראכן די מלחמה.
ווי פארויספילנדיק איר גורל, שרייבט זי אין א בריוו דאטירט פון 6 מארט 1939 פאלגענדע ווערטער:
"דוכט זיך, אז ס'איז צצצ א רו פאר א גרויסן שטורעם- און אויב דער שטורעם וועט קומען, וועט קיין שפור פון מיר נים בלייבן."-

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה ווערט זי די צענטראלע שליחה און ג פארבינדערין פון מרכז החלוץ אין ווארשע.

אין די שווערסטע סכנות'דיקע צייטן האט זי אומלעגאל דורכגעש- פאנט פוילן און געבראכט אין די פארווארפנסטע ווינקלען פון ייִדישן יִ ישוב דאס ווארט פון א"י, די ידיעות וואס עס טוט זיך אין די געטאס און צוזאמענגעבונדן די קרייזן פון החלוץ.

זי האט איבערגעליפערט צענדליקער בריוו פון פוילן אונטערן נאצי רעזשים אין די ציטראלע לענדער און פון דארטן אין א"י, אין רמזים שפראך, דורך וועלכע די יידישע עפנטליכקייט האט זיך בעוואוסט וועגן די מאסן-אקציעס און אומקום פון יידנטום.

אנהויב יאנואר 1942 קומט זי פון ווארשע אין ווילנער געטא, איבער- צוגעבן א גרוס פון לעבן אין ווארשעווער געטא און בכדי אנצובינדן א קאנטאקט מיט דער פוילישער אונטערערדישער באוועגונג אין ווילנע.

דאן איז זי געפארן אין ביאליסטאק וואו זי האט אנגעפירט צוזאמען מיט מרדכי טענענבוים טאמארוו און צבי מערסיק דעם 6-וואכיקן טעמפנאר אויף וואַנסקא 13.

שפעטער איז זי געפארן אין ווייסרוסלאנד, וואלין, טשענסטאכאוו.
פון טשענסטאכאוו האט זי דעם 5 יולי 1942 געשריבן א בריוו קיין א"י, אין וועלכן זי האט באריכטעט וועגן אירע רייזעס קיין ווילנע און ביאליסטאק.
אין בריוו שרייבט זי צווישן אנדערן:
— — — " אין משך פון עטלעכע מאנאטן האב איך באזוכט מיין משפחה אין ווילנע. איר מצב איז גוט. א באזונדערן גרוס דיר פון השמדה במורה 1). זי שפירט זיך זייער גוט- — —"

---

1) פולקומע פארניכטונג

שליח 2

אויף דער זיצונג פון 28 יולי 1942 אין ווארשע אין דער חלוציסער באוועגונג, ווען ס'איז אנגענומען געווארן דער באשלוס וועגן אויפשטעלן די יידישע קאמפס ארגאניזאציע, איז פרומקע באשטימט געווארן צוזאמען מיט טאסיא אלטמאן, לאה פערלשטיין און אריה ווילנער 2)3)4) אלס פארשטייער אויף דער ארישער זייט.
דעצעמבער 1942 קומט אן פרומקע פלאטניצקי אין בענדין בשליחות פון החלוץ און שטעלט זיך אין צענטר פון די ווידערשטאנדסצוגרייטונגען און באקומט דעם נאמען " די מאמע פון בענדינער געטא".

ס'קומט פאר איר אן א בריוו פון ווארשע: ס'איז דא מעגליכקייט צו ראטעווען זיך מיט דאקומענטן פון נייסראלע לענדער. אבער פרומקע באשליסט צו בלייבן אבער ניט ראטעווען זיך אליין ווען אלע ברידער קומען אום.–

פרילינג 1943. עס קומען קיין בענדין ידיעות וועגן אויפשטאנד פון ווארשעווער געטא און צווישן זיי וועגן אומקום פון איר שוועסטער חנה'טשע. זי שרייבט וועגן דעם אין א בריוו קיין אויסלאנד:
" גיב אים איבער אז מיין קליינע חנה האט חתונה געהאט מיט רופין"5).

17 יולי 1943 באזוכט איר א ניט יידישער שליח פון די נייסראלע לענדער מיטן פארשלאג, זי זאל פארלאזן בענדין און גיין מיט אים. פרומקע אנטזאגט זיך.

אין יענעם טאג האט זי ארויסגעשיקט איר לעצטן בריוו דיקטירט אויף יידיש און געשריבן אויף דייטש דורך מארקוס פאהארילא 6). וואו זי באשרייבט די פארניכטונגען אין פוילן און ליטע און פרטים וועגן אויפשטאנד אין ווארשע. דער בריוו אונטערגעשריבן דורך פרומקע פלאטניצקא הערשל שפרינגער, צבי בראנדעס, ישראל קאזשוך, שלמה לערנער (אנפירנדע חברים פון החלוץ אין בענדין) ענדיקט זיך מיט די ווערטער:
– – –" טוט וואס איר קענט, איך בין בספק אויב איר וועט באוויזן אונז נאך צו העלפן, ווייל מיר שטייען פאר אונזערע לעצטע טעג.
– – אונזער האפנונג צו זען זיך מיט מולדת וועט צום באדויערן ניט מקוים ווערן!"–

3 אויגוסט 1943 איז זי געפאלן מיט געווער אין האנט פארטיידיקנדיק דעם בונקער וואו עס האבן זיך געפונען די חברים פון קיבוץ בענדין.
( אין צווייטן יארטאג פון בעטא–אויפשטאנד אין ווארשע איז זי אויסגעצייכנט געווארן פון דער פוילישער רעגירונג מיט א הויכער מליטערישער אויסצייכנונג).

---

2) טאסיע אלטמאן– זע באזונדער
3) לאה פערלשטיין – א חברה פון קאמפס–גרופע דרור, א פארבינדלערין פון דער פוילישער אונטערערדישער באוועגונג. אומגעקומען דעם 18 יאנואר 1943
4) ווילנער אריה (יורעק) – א שומר הצעיר, איינער פון די אקטיווסטע און העלדישע קעמפער פון דער יידישער ווידערשטאנד–באוועגונג און פון די קאמפן אין ווארשעווער געטא. אומגעקומען 8 מאי 1943.
5) רופין – פארשטארבענער באקאנטער ציוניסטישער טוער.
6) פאהארילא– א יוגענטליכער פון דייטשלאנד, געלעבט אין קיבוץ בענדין.